

מורשת אור החיים הקדוש
הוצאת ספריו וכתביו הק'
ומפעלים להפצת תורתו

# משתגעין ומתלהטין ב תורת האור החיים הקדוש

פרשת במדבר

## מוסר חיים לקח מהפרשה במשנת רבינו

בשמי"ם ראש – לזכות ידידנו הרה"ח רבי יהודה בן שרה מרים הי"ו ווייס

### איינער וואס בעט אויס א צווייטן הייסט עס כאילו ער האט אים געבוירן

אין היינטיגן פרשה פאר די תורה באפעלט צו גיין ציילן שבט לוי רעכנט די תורה אויס די קינדער פון אהרן הכהן. דער פסוק זאגט (ג, א): "**וְאֵלֶּה תּוֹלְדֹת אַהֲרֹן וּמֹשֶׁה בְּיוֹם דִּבֶּר ה' אֶת מֹשֶׁה בְּהַר סִינָי**" - דאס זענען די קינדער פון אהרן און משה אינעם טאג וואס דער אויבערשטער האט גערעדט מיט משה רבינו אויפן בארג סיני.

דארף מען דא מדייק זיין צוויי זאכן: א. וואס הייסט "**תּוֹלְדֹת אַהֲרֹן וּמֹשֶׁה**" - זענען דען אהרן'ס קינדער געווען קינדער פון משה רבינו? ב. וואס איז פשט "**בְּיוֹם דִּבֶּר ה' אֶת מֹשֶׁה בְּהַר סִינָי**" - זענען זיי דען אין יענעם טאג געווארן זיינע קינדער?

רש"י הק' באמערקט שוין די קשיות, און ענטפערט אז פון דא לערנט מען ארויס אז "**כל המלמד את בן חבירו תורה כאילו ילדו**". און וועגן דעם זאגט דער פסוק "**בְּיוֹם דִּבֶּר ה' אֶת מֹשֶׁה בְּהַר סִינָי**", ווייל אין דעם טאג האט זיי משה רבינו אויסגעלערנט די תורה, ווערן זיי טאקע נאר פון דעמאלטס גערעכנט ווי זיינע קינדער.

אבער דער אור החיים הק' איז מסביר, אז דא איז דא נאך א ספעציעלע סיבה פארוואס אהרן'ס קינדער הייסן אויך משה רבינו'ס קינדער. ווייל דער מדרש זאגט (ויקרא רבה ז, א) אז באמת איז געווען א גזירה אויף אלע קינדער פון אהרן הכהן נפטר צו ווערן נישט נאר נדב ואביהוא. נאר משה רבינו האט מתפלל געווען צום אויבערשטן ער זאל לעבן לאזן אהרן'ס קינדער, האט זיין תפילה אויפגעטון אז לכל הפחות צוויי פון זיי - אלעזר און איתמר - זענען ניצול געווארן.

קומט דא די תורה זאגן, אז היות משה רבינו האט זיי אויסגעבעטן, און בזכות זיין תפילה זענען זיי געבליבן לעבן, ווערן זיי אנגערופן "זיינע קינדער". און וועגן דעם זאגט דער פסוק: "**בְּיוֹם דִּבֶּר ה' אֶת מֹשֶׁה בְּהַר סִינָי**" - צו זאגן אז נאר פון יענע צייט זענען זיי געווארן זיינע קינדער, ווייל דעמאלטס האט ער זיי אויסגעבעטן.

קומט אויס א מורא'דיגע זאך, אז ווער עס דאווענט אויף א צווייטן און זיין תפילה טוט יענעם ראטעווען פון א שווערע גזירה, ווערט יענער גערעכנט ממש ווי זיין אייגן קינד! ווייל ער האט אים אויסגעבעטן, און ווען נישט זיין תפילה וואס האט גע'פועל'ט פאר יענעם, וואלט יענער נישט געווען דא.

אין פרשת שמות זאגט דער רבי נאך שטערקער, אז ווער עס טוט א זאך צו ראטעווען א צווייטן ווערט דער גרעאטעוועטער אויך גערעכנט ווי זיין אייגן קינד. מיט דעם איז דער רבי מסביר אז וועגן דעם זענען דווקא משה און אהרן ערוועלט געווארן צו זיין די מנהיגים פון כלל ישראל, וויבאלד אלע אידן ווערן גערעכנט ווי זייערע קינדער. פארוואס? ווייל יוכבד און מרים האבן זיך דאך מוסר נפש געווען אין מצרים צו ראטעווען אלע אידישע קינדער פון פרעה'ס גזירה, און נישט נאר זיי האבן נישט גע'הרג'עט די אידישע קינדער, זיי האבן נאכדערצו געברענגט עסן און טרונקען צו ערנערן די ניי געבוירענע אידישע קינדער. ממילא ווערן אלע אידן גערעכנט ווי יוכבד און מרים'ס קינדער, און דערפאר האבן אלע אידן אויפגעהויבן זייערע אויגן צו משה און אהרן און געזאגט: "**הוּא אָבִינוּ הוּא מַלְכֵּנוּ הוּא מוֹשִׁיעֵנוּ**"! ער איז אונזער טאטע, ער איז אונזער העלפער!

אין ספר "**חפץ ה'**" שרייבט דער רבי נאכמער, אז ווער עס האט אויפגעטון מיט זיין תפילה פאר א צווייטן, איז נישט נאר יענער אליין הייסט ווי זיין אייגן קינד, נאר אלע דורות וואס קומען ארויס פון יענעם זענען אנגעהאנגען אין אים. און אפילו דער וועמען ער האט אויסגעבעטן איז שוין לאנג נישט אויף דעם עולם, באקומט נאך דער מתפלל שכר פאר אלע דורות וואס זענען ארויסגעקומען פון אים דורך זיין תפילה.

## פניני חיים

פנינים מובחרים משעבדים ומתומצתים על פי דברי רבינו

בש"ם בצלאל
לע"נ הרה"ח רבי משה שמואל ב"ר בצלאל ז"ל

### קורצע געדאנקען באארבעט על פי דברי רבינו

**וַיְדַבֵּר ה' אֶל מֹשֶׁה בְּמִדְבַּר סִינַי בְּאֹהֶל מוֹעֵד בְּאֶחָד לַחֹדֶשׁ הַשֵּׁנִי בַּשָּׁנָה הַשֵּׁנִית...** (א, א)

"**בְּמִדְבַּר סִינַי בְּאֹהֶל מוֹעֵד**" איז משמע כאילו אז דער מדבר סיני געפונט זיך **אינעם** אוהל מועד, פונקט ווי "**בְּאֶחָד לַחֹדֶשׁ הַשֵּׁנִי בַּשָּׁנָה הַשֵּׁנִית**" מיינט דער טאג וואס געפונט זיך **אינעם** חודש וואס געפונט זיך **אינעם** יאר.

אבער לכאורה איז דאך פונקט פארקערט, ווייל דער אוהל מועד איז געווען אין מדבר סיני, נישט דער מדבר אינעם אוהל מועד?

נאר דער אמת איז, אז דער גאנצער מדבר איז נישט מער ווי **א טפל** צום אוהל מועד - ווייל די גאנצע וועלט איז ווי א טפל וואס ווערט בטל צום אויבערשטן. איז וויבאלד אינעם אוהל מועד איז געווען די השראת השכינה, הייסט גאנץ מדבר סיני א "טפל" צום אוהל מועד.

**שְׂאוּ אֶת רֹאשׁ כָּל עֲדַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל...** (א, ב)

ס'איז ממש א וואונדער אז דער צאל דא שטימט אויפן האר מיט'ן צאל פון איבער זעקס חדשים פריער, ווען מ'האט אנגעהויבן צו ברענגען די נדבת המשכן. בייביידע איז געווען דער צאל אייניג: זעקס הונדערט און דריי טויזנט פינף הונדערט און פופציג. הגם ביי די ערשטע ציילונג איז שבט לוי אויך אריינגערעכנט אינעם צאל און דא נישט. און בפרט אז במשך די זעקס חדשים זענען א געוויסע צאל לכאורה געשטארבן אינצווישן. וואלט דאך אויב אזוי געדארפט זיין יעצט אסאך ווייניגער ווי פארדעם?

נאר טאקע דאס קומט די תורה באצייכענען, אז במשך די גאנצע צייט איז קיינער פון זיי נישט געשטארבן, און ס'איז גארנישט פארמינערט געווארן פון זייער צאל. דאס איז וויבאלד מ'האט עוסק געווען אין מלאכת המשכן, און עס שטייט "**וְאַתֶּם הַדְּבֵקִים בַּה' אֱלֹקֵיכֶם חַיִּים כֻּלְּכֶם**", ממילא זענען אלע אידן געבליבן לעבן.

וועגן דעם האט די תורה געהייסן ציילן דווקא ר"ח **אייר** און נישט ר"ח **ניסן** ווען מ'האט למעשה אויפגעשטעלט דעם משכן, הגם אז דער ציילונג איז געווען לכבוד **הקמת המשכן**. ווייל השי"ת האט געוואוסט, אז פונקט אין דעם טאג האט זיך געדעקט אין כלל ישראל דער צאל קעגן די לויים וואס זענען געווען ביים פריערדיגן ציילונג און דאסמאל נישט, און נאר יעצט וועט זייער צאל טאקע גרייכן פונקט די זעלבע ווי ביים פריערדיגן.

## הלכה ודרוש

# ההיתר להימנע מפריה ורביה בשעת גזירת כליה ושמד רח"ל

**כָּל פְּקוּדֵי הַלְוִיִּם** וְגוֹ'. וְאִם תֹּאמַר, לָמָּה שֵׁבֶט בֶּן תּוֹרָה יַעֲשֶׂה מִעוּט פְּרִיָּה וְרִבְיָה. אוּלַי שֶׁדָּנוּ בָּהּ לְמַעַן לֹא נִיגַע לָרִיק וְלֹא נֵלֵד לַבֶּהָלָה, וְכַיּוֹצֵא בָּזֶה מָצִינוּ שֶׁאָמְרוּ (תענית יא.) שֶׁאָסוּר לְשַׁמֵּשׁ מִטָּתוֹ בִּשְׁנַת רְעָבוֹן, הֲגַם שֶׁיֵּשׁ מְנִיעַת פְּרִיָּה וּרְבִיָּה, וְדָנוּ כְּמוֹ כֵן לְצַד כִּלּוּי הַבָּנִים הַזְּכָרִים נִמְנְעוּ כָּל עִקָּר, וּמֵעַתָּה אַדְרַבָּה, עָשָׂה ה' עִמָּהֶם נֵס שֶׁנִּשְׁאֲרוּ מֵהֶם מִסְפָּר זֶה, וְלָזֶה אַחַר זְמַן שֶׁהָיוּ עֲסוּקִים גַּם הֵם בִּפְרִיָּה וּרְבִיָּה "פָּרוּ וַיִּשְׁרְצוּ" וְגוֹ' יוֹתֵר מִשְּׁאָר הַשְּׁבָטִים (ג לט).

מבואר בדברי רבינו, דשבט לוי נמנעו מפריה ורביה ע"פ התורה, כיון שהיתה גזירת כילוי על הזכרים, שדנו בזה 'למען לא ניגע לריק ולא נלד לבהלה'. ויש לציין לשו"ת **שאילת יעקב** (סי' קי"ז) שכתב הטעם דשבט לוי היה השבט הקטן ביותר, כיון שנמנעו מפריה ורביה בזמן השעבוד במצרים. אלא שהוא כתב הטעם דנמנעו מפו"ר, לפי שחששו שבמצרים ישחיתו בניהם ח"ו את דרכם, ולכן אחר שקיימו מצוות פו"ר נמנעו מנשותיהם, וכמו שעמרם גירש את אשתו אחר שהוליד בן ובת [אמנם עמרם לא עשה כן מטעם זה רק מטעם גזירת פרעה כמבואר בסוטה (יב, א)].

והביא מדברי הגמ' בב"ב (ס, ב) דמיום שגזרה המלכות גזירה ומבטלת מתורה ומצוות היה ראוי שלא יהיו נושאים נשים, ובתוס' (שם ד"ה דין הוא שנגזור) פירשו, דכוונת הגמ' שיקיימו מצוות פרו ורבו ואח"כ יפרשו. וכך כתב **הים של שלמה** (יבמות פ"ו סי' מד) דאשה שאין בניה הולכים בדרך הישר **מותר לה לשתות כוס של עיקרים**. אך מעיר על כך מדברי הגמ' בברכות (י, א) דחזקיה לא עסק בפו"ר, משום שראה ברוח הקודש שיהיו לו בנים שאינם מהוגנים, ובא אליו ישעיהו הנביא והוכיח אותו על כך ואמר לו **בהדי כבשי דרחמנא למה לך**, ואח"כ הביא לדברי רבינו האוה"ח.

ונכון לציין בזאת מש"כ **בספר חסידים** (סי' שעח) באחד שלא רצה לישא אשה כיון שהיו אחיה רעים, ואמרו חז"ל דרוב בנים דומים לאחי האם, אמר לו אחד בהדי כבשי דרחמנא למה לך וכמו שאמר ישעיהו לחזקיהו, ואמר לו ששם הטעם לפי שישעיהו ידע שעתידים לצאת ממנו צדיקים, לכך אמר בהדי כבשי דרחמנא למה לך, אבל אני היה לי כל ימי לדאוג פן יהיו הבנים רעים, יעו"ש. הרי מפורש שחילוק יש בדבר, ואכן מותר להימנע מלישא אשה כשחושש שהבנים לא יהיו טובים, ומה שאמר ישעיהו לחזקיהו בהדי כבשי דרחמנא למה לך, כיון **שידע הנביא דבסופו של דבר יהיו לו בנים צדיקים**. ולפי"ז מתורץ בפשיטות, דבאופן שחושש באמת שלא יהיו לו בנים הגונים, מותר לו אפי' להימנע מפו"ר בכה"ג.

אך ראה **במאירי** (ברכות שם) שכתב: מצות עשה של פריה ורביה אין לאדם להפקיעה על שם שהוא חושד את עצמו או בת זוגו שלא להעלות זרע הגון, אם ע"פ השמועה אם ע"פ השכל אם ע"פ הנסיון, **שאין לאדם אצל סתרי השם כלום**, ע"כ.

עוד יש להעיר, מדברי **רש"י** בפר' בראשית (בראשית ד, כד) בשם המדרש, שהיו נשי למך פורשות ממנו לאחר שקיימו פריה ורביה, מפני גזירת המבול, שהיו אומרות מה אנו יולדות לבהלה, למחר בא המבול ושוטף את הכל, ובא לו למך אצל אדם הראשון וקבל על נשיו, ואמר להם אדם הראשון **מה לכם לדקדק אחר גזירתו של מקום, אתם עשו את מצוותכם והוא יעשה את שלו**, עכ"ד רש"י בשם המדרש. והרי לפנינו דאע"פ שכבר קיימו מצוות פריה ורביה, אמר להם אדם הראשון שאסור להם להימנע מפו"ר מפני גזירת המבול. ומפורש לכאורה היפך מדברי רבינו הק', שכתב ששבט לוי נהגו כהוגן בכך שנמנעו מפו"ר מפני גזירת השיעבוד. [מה גם שנשי למך לא עלתה על דעתם לפרוש רק לאחר שקיימו פריה ורביה, וכאן משמע שפירשו גם מי שעדיין לא קיים פריה ורביה. אולם בשו"ת שאילת יעקב (שם) כתב, דפירשו רק אחר שקיימו פו"ר.]

ויש לתרץ, דאין כוונת רש"י והמדרש מצד ביטול מצוות פרו ורבו, די"ל דבכה"ג שיודע שהילד יהרג ליכא איסורא להימנע מפו"ר, כיון דהתכלית הוא להעמיד דורות לקיום העולם, וכשיודע שהם יכלו ליכא התכלית. ומה שאמר אדם הראשון שאסור להימנע מפו"ר מפני גזירת המבול, היינו מצד שהיא תחבולה להינצל מגזירת המקום, וכאילו מתחכמים להינצל מהגזירה, וי"ל דאיסור זה הוא רק בגזירה בידי שמים.

## אגדה וחסידות

# תפילת אברהם אבינו שילך ערירי

בענין זה יש לציין, דבפרשת לך לך (בראשית טו, ג) מביא רבינו, דאיתא במדרש דאברהם אבינו ביקש לילך ערירי, ולא יהיו לו בנים שאינם מהוגנים, ומקורו במדרש רבה (שם פרשה מד סי' ט) 'אמר לפניו: רבש"ע אם עתיד אני להעמיד בנים ולהכעיסך מוטב לי ואני הולך ערירי', ושם הובא שכך ביקש גם דוד המלך, יעו"ש. ויש להוסיף ג"כ מדברי המדרש תנחומא (תרומה פ"ט) במה שביקש שלמה המלך (מלכים א' ח, לט) "ונתת לאיש ככל דרכיו אשר תדע את לבבו כי אתה ידעת לבדך את לבב כל בני האדם", ומבואר במדרש וז"ל: אם הוא **תובע בנים ואתה יודע שיהיו מכעיסים לפניך אל תתן לו**, עכ"ל.

הרי לפנינו דאברהם אבינו ודוד ושלמה ביקשו מלפני הקב"ה שלא יתן להם בנים שיכעיסו להקב"ה. ויש לציין ג"כ לדברי רבינו בפר' ויגש (בראשית לו, מ) **דבר ידוע הוא כי הצדיקים יותר יחפצו בהעדר הבן, בהיותו בן מביש**.

**והאמרי אמת** (הובא בליקוטי יהודה) הקשה על המדרש הנ"ל, מדברי הגמ' במס' ברכות (י, א) דחזקיה לא עסק בפו"ר כיון דראה ברוח הקודש שיהיו לו בנים שאינם מהוגנים, ובא אליו ישעיהו הנביא והוכיח אותו על כך ואמר לו 'בהדי כבשי דרחמנא למה לך', שאין לו להתעסק בסתרים של הקב"ה, והוא צריך לעשות כאשר הוא מצווה, ומבואר בזה, שאף שידע ברוח הקודש שיהיו לו בנים שאינם מהוגנים, היה צריך להתעסק בפו"ר.

ותירץ, דכיון דאברהם אבינו לא היה יכול להוליד רק בדרך נס, וכדאיתא ביבמות (סד, ב), וכמו כן דוד המלך שכל שנותיו היו בדרך נס, וכדאיתא במדרש (במדב"ר פרשה יד, כד) שלקח שבעים שנה משנותיו של אדם הראשון, וא"כ כיון שהיה צורך לנס, על זה ביקשו שבעבור בנים רשעים אינו נכון שיעשה נס, ובכה"ג לא שייך לומר 'בהדי כבשי דרחמנא למה לך'.

**והגאון רבי משה בצלאל אלתר ז"ל** (אחיו של האמרי אמת, הובא בליקוטי יהודה שם) תירץ, דרק **להימנע** מלעסוק בפו"ר אסור, כיון דהוא צריך לעשות מה שנצטווה, אבל אם עוסק בפו"ר ורק **מתפלל** שלא יהיו לו בנים מותר, דבזה לא שייך לומר 'בהדי כבשי דרחמנא למה לך'.

**יישוב נוסף, דקודם מתן תורה שאני:** בספר **חיי יצחק** (עה"ת, על דברי רבינו בפרשת לך לך) כתב ליישב [מה שהביא רבינו בשם המדרש דאברהם אבינו בקש לילך ערירי, ולא יהיו לו בנים שאינם מהוגנים, וסותר לכאורה מה שאמרו בחזקיה 'בהדי כבשי דרחמנא למה לך'], דשאני קודם מתן תורה מאחר מתן תורה, כי אור התורה וחיוב המצוה של פרו ורבו, עדיפי ואלימי אחר מתן תורה, **ויוכלו להפך מן הרע לטוב**. שכן היה באמת גבי חזקיה, שמנשה עשה תשובה ונהפך מרע לטוב, עכ"ד. ולפי דבריו יש ליישב גם מה שכתב רבינו גבי שבט לוי, שמכיון שהיה קודם מתן תורה ולא היה עדיין אור המצוה של פרו ורבו, אין אומרים בזה 'בהדי כבשי דרחמנא למה לך'.

ואולי אפשר לתרץ עוד, דאברהם אבינו **שמע כן מהקב"ה בעצמו** שכך הבין מה שאמר לו הקב"ה "והיה זרעך כעפר הארץ" [כפירושו של רבינו בפרשת לך לך (בראשית טו ג), שהבין שהכוונה שהם נמשלים לעפר הארץ, והם בני אדם הבזוים והפחותים שאין בהם נפש קדושה], ולכן שפיר סמך על זה להתפלל שלא יהיו לו בנים, אבל חזקיה שראה כן ברוח הקודש, אין לסמוך על רוח הקודש כשנוגע להלכה כיון דתורה לא בשמים היא. אלא דיש לדחות לפי מש"כ הפוסקים דהיכא דהרוה"ק רק מברר המציאות סמכינן עלה. א"כ בנידו"ד דהוא רק מברר המציאות דיהיו לו בנים שאינם מהוגנים, אפשר לסמוך על זה, וצ"ע.

מתיקות ועריבות טוב התורה



מאות מגידי שיעור והוגי תורת האור החיים הקדוש מעידים:
עם הספר 'כל הכתוב לחיים' הכולל אלפי ביאורים מגדולי הדורות על ספר "אור החיים" הקדוש, מרגישים 'מתיקות ועריבות' בדברי האור החיים הקדוש, ומגלים צפונות ונפלאות בתורתו הקדושה, עד בכדי ש'משתגעין ומתלהטין אחריה'.
להשיג בכל חנויות הספרים, או בקו ה'מורשת' 0733.713.620

# עם חכמי וגדולי ישראל בדרך לארץ הקודש

## עם חכמי מודונא, ובראשם הגאון רבי מנחם עזריה פאדווה זצ"ל

כאשר פקד רבנו את מודונא, התפעמו חכמי המקום למראה איש האלוקים ולמחזות עבודתו הנאדרת בקודש. בתחלופת האגרות שבין רבנו לרבי שלמה חיים סנגוויניטי זצ"ל, איש מודונא, מוצאים אנו פעמים רבות שחכמי המקום היו דורשים בשלומו ורבנו פורש בשלומם.

בולטת במיוחד היא התיידדותו של רבנו עם הגאון רבי מנחם עזריה פאדווה זצ"ל, מרבני מודונא, שגם בא על החתום בהסכמה לספר 'אור החיים'. באחת האגרות ששלח רבי שלמה חיים סנגוויניטי לרבנו - בחודש אדר תק"א, ממודונא לליוורנו - ציין וכתב: "ובשם אדוני נתתי שלום לכמוהר"ר מנשה פאדובא ולאחיו כמוהר"ר מנחם נר"ו". באגרת ששלח רבנו מעכו, בכ"א במנחם אב תק"ב, ביקש את הנמענים למכתבו שידרשו בשלומם של כמה חכמים ובהם רבי מנחם פאדווה.

ידידות עמוקה זו נמשכה בשנים הבאות, עד שהגיעה הבשורה המרה על הילקח ארון האלוקים בסערה השמימה. כאשר שמע רבי מנחם עזריה פאדווה כי לקו המאורות, נשא הספד על רבנו וחיבר קינה, בה שפך מרי שיחו על השריפה אשר שרף ה'.

ביטויים להערצתם הנשגבת לרבנו, הניחו חכמי מודונא בהסכמותיהם לספריו, וביחוד בהסכמתם לספר 'פרי תואר', בה נקטו בהאי לישנא: "וכבר בא חכם ממערב בהדין קרתא, והוא מריה דשמעת"א, בריך רחמנא דשדריה ניהלן, הכא רבי קרו ליה. ואזלי רבנן בתר רב"א דאיתיה קמן, לא פסיק פומיה מגרסיה, ולא פסק חוכא מפומן. נפק בי מדרשא ודרש, ומאליה ספי לן, מדברים טובים שנאמרו בעלייה, ומעילויא דה"ב דכי". הרי כי מנו שבחיו, שהוא מריה דשמעתא והכתירוהו בתואר 'רבי', שהחכמים נוהים אחריו ופיהם לא פוסק מלשמוח בעוד פיו אינו נח מגרסתו, שהוא מסיים תלמודו ודורש, והם מודים לבורא עולם ששלחו אצלם.

## עם חכמי פיראררה, ובראשם הגאון רבי יצחק לאמפרונטי זצ"ל

כאשר ביקר רבנו בפיראררה, התיידד ברעות ובאחווה עם הגאון רבי יצחק לאמפרונטי זצ"ל, מגדולי חכמי איטליה וראש הישיבה המפורסמת בפיראררה.

משהתוודע רבי יצחק לאמפרונטי לרבנו ובעמדו על גדולתו וצדקותו, התגייס לסייע לו בהגשמת שאיפתו לייסד את 'מדרש כנסת ישראל' ולעלות בראש קבוצת תלמידים לארץ ישראל. כאשר שלח רבנו, בחודש אדר תק"א, את אגרתו הנודעת לקהילת קסאלי שבאיטליה, שבראשה עמד הגאון רבי שבתי אלחנן מן הזקנים זצ"ל, נעזר ברבי יצחק לאמפרונטי, שהיה מורו ורבו של הרב של קסאלי.

עדות לביקורו של רבנו בפיראררה מצויה בכתבי רבי יצחק לאמפרונטי, שכתב ב'מהדורה בתרא' של ספרו האנציקלופדי 'פחד יצחק', בו ייחד ערך מיוחד על פירושו של רש"י הקדוש זי"ע על התורה (מהדורה זו לא הודפסה, ומכתב ידו של רבי יצחק לאמפרונטי הובא בקובץ 'האשכול', כרך חמישי). וזו לשונו: "בראותי מפרשי רש"י ז"ל מתחבטים לפעמים לפרש דבריו, ובנו יסודותיהם על שקר או טעות הדפוס, חשבתי דרכי להביא לפני כל מבין דיבורים שלשה. בחומש שלי דפוס סאלוניק קדמון, ומצאתי אחד מהם גם במקרא בבית הנעלה כמר משה מלאוידא יצ"ו דפוס סאלוניק נדפס ביום אחד לחודש כסליו שנת 'עורה כבודי' אשר תחת המלך סולטאן סולימאן יר"ה. בפ' וארא, בדפוסים שלנו כתב: 'וארא אל האבות, בא-ל ש-די הבטחתי הבטחות ובכולן אמרתי להם' וכו'. ובמקרא שלי דפוס ישן הכתוב הוא כך: 'וארא אל אברהם, אל האבות, הבטחתים הבטחות ובכולם אמרתי להם אני א-ל ש-די'. באותה פרשה, במכת ברד כתיב 'כי בפעם הזאת אני שולח את כל מגפותי', ובדפוסים כתב רש"י: 'מכאן שמכת בכורות שקולה כנגד כל המכות'. ונתחבטו המפרשים לפרשו, עד כי יש מהם שבנו בנינים רעועים, וסוף סוף החליפו וכתבו מכאן שמכת בצורת. ובחומש שלי הנ"ל כתוב לאמור: 'מכאן שמכת בצורת'. בפ' ויקהל כתב רש"י בדפוסים כולם, זו לשונו: 'ויקהל משה, למחרת יום לשון הכפורים וכו', ויקהל לשון הפעיל, שאין אדם אוסף אנשים בידים אלא הם נאספים על פי דבורו, ותרגומו ואכניש'. ואם תביט בכל הדפוסים תמצא תרגום 'ויקהל - וכנש'. אבל בחומש שלי הנ"ל שיש שם גם התרגום, נדפס 'ואכניש'. הנה לך שעל פי שלשה עדים יקום דבר, שאין לאדם להתעקש לפרש דברים מוטעים כאילו הם אמיתים. והרב הגדול כמהר"ר אברהם יצחקי, ואחריו כמהר"ר דוד מלמד, ואחריהם כמהר"ר חיים בן עטר - שלוחי ארץ ישראל וכמה רבנים מחוצה לארץ, ראו הדברים האלה בחומש שלי, והם רוצים להביאו עמהם לארץ ישראל, ולא אביתי לשמוע בקולם, לפי שלא מצאתי לקנות כמותו בדמים אפילו ביוקר. והראיתי הטעויות האלה לכל תלמידי, גדולים וקטנים, וגם לכל תלמיד חכם אשר בא לבית מדרשי. ואולי אם הזמן לא היה לי יקר, הייתי מוצא על ידי חומש הנ"ל גם שאר טעויות".

בפיראררה התוודע רבנו להגאון רבי יעקב דניאל אלמו זצ"ל, מחשובי תלמידיו של רבי יצחק לאמפרונטי, כפי שתיאר הגאון רבי חננאל ניפי זצ"ל בספרו 'זכר צדיקים לברכה' (בערכו של רבי יעקב דניאל אלמו) וזו לשונו: "הוא היה משורר מובהק וחיבר ספר 'עדן ערוך' ופיוט 'מלכא רמא' ופזמון 'אך צדיקים יודו לשמך' ופזמונים אחרים רבים ונכבדים, ומזמרים אותם בעירנו כל אחד בעתו. ושמעתי, שפזמון 'מלכא רמא' חיברו בתענית ובקדושה בימי השובבי"ם, והראהו להרב חסידא קדישא כמוהר"ר חיים בן עטר ז"ל, בבואו פה העירה בשליחות מצוה, והגיהו והסכים על ידו".

אף רבנו חיבר באותה עת תפילה ל'תיקון שובבי"ם', וזה לנו האות על רום מעמדו בליוורנו שתיכף ומיד הזדרזו להדפיסה - כבר בשנת ת"ק - ובתוך שנים אחדות התפרסמה התפילה ונדפסה בסידורים רבים באיטליה, הולנד וטורקיה.



# די העכסטע חשיבות; ער איז אַן עבד ה'!

מיר האבן שוין פארבררייטערט אין די פריערדיגע גליונות אז ס'איז נישט פארהאן דער וואס קען זיך טרויען פארצושטעלן דעם אור החיים הק' מיט סיי וועלכע תואר פון חשיבות, אזש דאס בעסטע איז צו שווייגן! ווייל דאס הארץ טרייסלט פאר פחד צו דאס וואס מיר האבן געזאגט הייסט ריכטיג אפגעשפיגלט דעם הייליגן דמות פונעם קדוש עליון הדומה למלאך ה' צבאות.

ווער עס איז יא מסוגל ארויסצוברענגען אין געציילטע ווערטער זיין אמת'דיגן דמות - איז טאקע נישט קיין אנדערער ווי **דער אור החיים הק' אליין!**

דער אור החיים הק' זעלבסט פלעגט פאר זיין אונטערשריפט צולייגן צוויי ווערטער וואס אין דעם שליסט ער איין זיין אמת'ער מעלה, די צוויי ווערטער זענען: **"עבד ה'" - "דעם אויבערשטנ'ס קנעכט"!** דאס איז דער תואר וואס דער אור החיים הק' האט זיך אליינס אויסגעקליבן: **"עבד ה'"!** אזוי פלעגט ער זיך אונטערשרייבן.

אזוי טרעפן מיר געשריבן נעבן חתימת יד קדשו אויפן ספר "משנה תורה להרמב"ם" וואס ער האט געהאט אין זיין באזיץ, און אזוי אויך אין צוויי תשובות אין הלכה וואס זענען פארבליבן פונעם אור החיים הק', האט צוגעלייגט פאר זיין אונטערשריפט: **"עבד ה' כל הימים"!** אין די הקדמה צום ספר "אור החיים" דרוקט ער זיך אויס נאך ברייטער: **"עבד ה', עבד תורה, עבד ישראל"!** און אין די הקדמה צום ספר "פרי תואר" שרייבט ער: **"עבד ה' ברוך הוא ועבד יראיו"!**

דאס איז דער מעלה וואס דער אור החיים הק' זעלבסט האט זיך געפילט פאסיג צו שרייבן אויף אים אליין, ווייל דאס האט באמת ארויסגעוויזן זיין אינערליכער הארץ באגער און שטרעבונג; **ער וויל באמת זיין א געטרייער קנעכט פאר'ן הייליגן באשעפער! א געטרייער קנעכט פאר די תורה הקדושה! א געטרייער קנעכט פאר די הייליגע אידישע קינדער! - - -**

דעם געפיל ברענגט דער אור החיים הק' שטארק ארויס אין די הקדמה צו זיינע ספרים, ווי ער דרוקט זיך אויס אז נאר דער געפיל האט אים אנגעפלאמט זיין הארץ צו שרייבן זיינע חידושי תורה; **ווייל ער איז דאך דעם אויבערשטנ'ס קנעכט!** און ער וויל נאר טון זיין רצון מיט די גרעסטע מאס פון געטריישאפט.

אזוי דרוקט ער זיך אויס אין די הקדמה צום ספר **"חפץ ה'"**:

**"חַס וְשָׁלוֹם נִתְכַּוַּנְתִּי לְשׁוּם דָּבָר זוּלַת לַעֲשׂוֹת רְצוֹן יוֹצְרִי, כִּי לָמָּה אֶהְיֶה כְּעֶבֶד הַמִּתְעַצֵּל בִּמְלֶאכֶת אֲדוֹנוֹ, וְלָמָּה בָּאתִי מֵעוֹלָם הָעֶלְיוֹנָה? הַלִּהְיוֹת חַס וְשָׁלוֹם נֶהֱנֶה מִנִּכְסֵי שָׁמַיִם וְאֶהְיֶה כְּעֶבֶד דְּנֵהוֹם כְּרֵיסֵיה"...**

און אין די הקדמה צום ספר "אור החיים" שרייבט ער:

**"וְדַעְתִּי גִּלִּיתִי לִפְנֵי גּוֹלֶה עֲמֻקּוֹת, הִנְנִי הִנְנִי עֶבֶד לְךָ ה' נוֹטֵעַ גַּן עֵדֶן, לְהַקְרִיב בִּכּוּרָיו לִפְנֵי אֲדוֹנִי, אוּלַי תִּתְעֲשֵׁת אֵלַי וְיִהְיֶה כָּל פִּרְיִי קוֹדֶשׁ הִלּוּלִים, לִרְצוֹתְךָ אֵ-ל חָפַצְתִּי וְקַוֹּה קִוִּיתִי, לְיַחֵד אֵשֶׁת דּוֹדִים חֶפְצָתִי וְחֶשְׁקָתִי"...**

פון דעם אלעם זעען מיר ווי שטארק דער אור החיים הק' האט געגלוסט און געשטרעבט בלויז צו די איינע זאך: צו זיין אן "עבד נאמן" פאר'ן מלך מלכי המלכים! **ער איז ממש אויסגעגאנגען פאר תשוקה צו טון דעם רצון הבורא יתברך מיט'ן גאנצן הארץ!**

אבער עס איז דא גאר א גרויסער חילוק צווישן אן **"עבד בשר ודם"** וואס ער ציטערט פאר זיין האר מיט אן "אימה ופחד" ער זאל אים נישט שטראפן און פייניגן, און אפילו ער דינט זיין האר איז דאס אבער בלויז מיט "יראה", מיט אן **"עבד הבורא"** וואס ער דינט גאר דעם אויבערשטן מיט א געוואלדיגע גלוסטעניש, און זיין הארץ איז פול מיט "אהבה" צום הייליגן מלך מלכי המלכים וואס האט אים באקרוינט מיט'ן זעלטענעם מעלה צו ווערן אנגערופן **"זיין געטרייער קנעכט"!**

אזוי איז דער אור החיים הק' מסביר דעם פסוק אין פרשת משפטים: **"וְאִם אָמֹר יֹאמַר הָעֶבֶד אָהַבְתִּי אֶת אֲדֹנִי אֶת אִשְׁתִּי וְאֶת בָּנָי לֹא אֵצֵא חָפְשִׁי"**, אז דער פסוק רעדט דא פונעם **"עבד ה'"** וואס וויל דינען דעם אויבערשטן מיט'ן גאנצן הארץ. די תורה קומט אונז ווייזן ווי אנגעצינדן דער עבד ה' ווערט צו דינען דעם אויבערשטן. אזוי ווייט, אז אפילו זיינע כוחות לאזן זיך אים אויס גלוסט ער נאך ווייטער צו דינען דעם אויבערשטן. ער שרייט **"אָהַבְתִּי אֶת אֲדֹנִי"** איך האב ליב מיין האר - דעם מלך מלכי המלכים, **"אֶת אִשְׁתִּי וְאֶת בָּנָי"** איז רומז אויף די **נשמה** און די **מצוות** וואס ער טוט בעולם הזה, איך האב אזוי ליב מיין נשמה און די מצוות ה', **"לֹא אֵצֵא חָפְשִׁי"** אזש פאר גרויס חשק גלוסט מיר ניטאמאל ארויסצוגיין פון דעם וועלט און זיין ווי א טויטער וואס איז שוין פריי פון מצוות!

פירט דארט דער רבי אויס בזה הלשון: **"לְאִישׁ כָּזֶה מַבְטִיחַ הָאָדוֹן כִּי לוֹ יִקָּרֵא עֶבֶד ה'!"** אזא איינעם פארזיכערט דער רבש"ע נאכצוגעבן זיין גלוסטונג ער זאל טאקע הייסן "דעם אויבערשטנ'ס קנעכט"! **"וַעֲבָדוֹ לְעוֹלָם"** און **לעולם הבא** וועט דער אויבערשטער אויסוועלן אין אים מער ווי אלע מלאכים צו הייסן זיין "עבד נאמן". אזוי ווי מיר טרעפן ביי משה רבינו אז דער אויבערשטער רופט אים אן: **"עבד ה'"**, ווייל ער האט באמת געגלוסט מיט'ן גאנצן הארץ צו דינען דעם אויבערשטן און צו מקיים זיין זיינע מצוות, און נאר פארדעם האט ער אזוי געוואלט אריינגיין צו ארץ ישראל.

אויפן פארלאנג פונעם ציבור, האבן מיר זיך בס"ד לעצטנס שטארק פארברייטערט מיטן דרוקן און מפיץ זיין דעם גליון ברחבי תבל, און מיט דעם ווענדן מיר זיך צו אייך, אזויווי די הוצאות זענען גרויס, און די זכות פון דרוקן און מפיץ זיין האט א געוואלדיגע כח הסגולה כידוע, ביטע נעמט השתתפות אין די מלאכת הקודש מיט'ן מנדב זיין א גליון לזכות אדער לע"נ.

צו באקומען דעם גליון אין אמעריקא, אדער צו געבן אייער נדבה ביטע רופט: 845-533-2998

אדער שיקט אן אימעיל צו: torahsohrhachaim@gmail.com

פאר סיי וועלכע פראגעס בנוגע דעם גליון, קענט איר רופן:

הרה"ח יהודה לייב זארגער שליט"א 917-681-0310 • הרה"ח אברהם ישראל הערשקאוויטש שליט"א 845-537-0839

וזכות רבינו הק' תגן בעדכם לרוב ברכה והצלחה וכל טוב

כל הזכויות שמורות למורשת אור החיים הקדוש הוצאה לאור והפצת מעיינות הקודש בראשות הרה"ג משה שווארץ שליט"א
מען למכתבים סוקולב 9\ב בני ברק ליצירת קשר בקו המורשת 0733.713.620 מייל G077-490-4173@gmail.com